Charter Revision Commission

**א פאבליק זיצונג פון די טשארטער רעוויזיע קאמיסיע**

**מיטוואך, מאי 14, 2025 10:00 פארמיטאג**

**Landmarks Preservation Commission Public Hearing Room**
**253 Broadway, 2nd Floor, New York, NY 10007**
*ביטע ברענגט מיט א גאווערמענטל ID צו קענען ארייינגיין.*

## מעלדונג איבער א פאבליק זיצונג

די ניו יארק סיטי טשארטער רעוויזיע קאמיסיע וועט האלטן א פאבליק זיצונג אום מיטוואך מאי 14, 2025, 10:00 פארמיטאג. דער זיצונג וועט פארקומען ביי די ניו יארק סיטי לאנדמארקס פרעזערוועישאן קאמישען פאבליק פארהערער צימער, 253 Broadway, 2nd Floor, New York, NY 10007. צו קענען ארייינגיין ווערט פארלאנגט א גאווערמענטל אידענטיפיקאציע.

די קאמיסיע איז באפולמאכט צו באטראכטן רעוויזיעס צו די ניו יארק סיטי טשארטער צו זיי פרעזענטירן פאר די אנטיילנעמער פון די אלגעמיינע וואלן וואס וועלן פארקומען נאוועמבער 4, 2025, אדער ביי אן אנדער דאטום באשטימט דורכ'ן געזעץ.

**דער זיצונג איז אפן צום פובליקום.** וויבאלד דאס איז א פאבליק זיצונג און נישט א פאבליק פארהערער, וועט דאס פובליקום האבן די געלעגנהייט צו זען די געשפרעכן פון די קאמיסיע, אבער נישט איבערגעבן עדות דערביי.

א לינק צו זען לייוו אלע פאבליק פארהערן און זיצונגען וועט זיין צו באקומען ביי די קאמיסיע'ס וועבזייטל, www.nyc.gov/charter.

**וואס אויב איך נויטיג זיך אין הילף צו זען די זיצונג?**

דער פלאץ איז צוגענגליך פאר מענטשן אין רעדערשטולן אדער אנדערע מיטלען פאר באוועגלעכקייט. אמעריקאנער צייכן-שפראך און איבערזעצונג צו שפאניש וועט זיין צו באקומען אנליין און אויפ'ן פלאץ. ביטע פארלאנגט שפראך איבערזעצונג און/אדער אנדערע צוגענגליכע פארלאנגען כאטש 48 שעה איידער דער אנהויב פון זיצונג אין וועלכע איר ווילט זיך באטייליגן דורך שיקן אן אימעיל צו CharterInfo@citycharter.nyc.gov דער דורך רופן 212-788-0014 און לאזט איבער א מעלדונג. אלע פארלאנגען וועלן ווערן באהאנדלט ווי ווייט מעגליך.

**פאר מער פרטים** איבער די ניו יארק סיטי טשארטער רעוויזיע קאמיסיע באזוכט www.nyc.gov/charter.